מיר האָבן אַ פּתחון פּה אין דעם יום הדין; ווייל
ווי ער איז, אַזוי זענען מיר אויך אין דער
18 דאָזיקער וועלט. מורא עקזיסטירט נישט אין דער
ליבע; נאָר די פֿאָלקאָמענע ליבע טרייבט אַרויס
מורא, ווייל מורא האָט (צו טון מיט) עונש; דער
אָבער, וועלכער האָט מורא, ווערט נישט פֿאַר־
19 פֿאָלקאָמט אין דער ליבע. מיר האָבן ליב, ווייל ער
20 קודם־כּל האָט אונדז ליב געהאַט. ווען עמיצער
זאָגט: איך האָב ליב ג־ט, און האָט פֿיינט
זיין ברודער—איז ער אַ ליגנער; וואָרום ווער עס
האָט נישט ליב זיין ברודער, וועמען ער זעט,
דער קען נישט ליב האָבן ג־ט, וועמען ער
21 זעט נישט. און דאָס דאָזיקע געבאָט האָבן מיר
פֿון אים: אַז ווער עס האָט ליב ג־ט, דער זאָל אויך
ליב האָבן זיין ברודער.

## קאַפּיטל פֿינף

1 יעדער איינער, וועלכער גלויבט, אַז ישוע איז
דער משיח, דער איז געבוירן פֿון ג־ט; און יעדער
איינער, וועלכער האָט ליב דעם, וואָס האָט געבוירן,
האָט אויך ליב דעם, וואָס איז געבוירן געוואָרן
2 פֿון אים. דורך דעם דאָזיקן דערקענען מיר, אַז
מיר האָבן ליב ג־טס קינדער, ווען מיר האָבן ליב
3 ג־ט און טון זיינע געבאָטן. וואָרום דאָס דאָזיקע
איז די ליבע צו ג־ט: אַז מיר זאָלן אָפּהיטן זיינע
געבאָטן; און זיינע געבאָטן זענען נישט שווער.
4 ווייל אַלץ, וואָס איז געבוירן געוואָרן פֿון ג־ט, איז
מנצח די וועלט; און דאָס דאָזיקע איז דער נצחון,
5 וואָס האָט באַזיגט די וועלט: אונדזער אמונה. און
ווער איז עס, וועלכער איז מנצח די וועלט, אויב